# פרשת בהעלותך

**בס"ד. שיחת יום ג' פ' שלח, י"ט סיון ה'תש"נ**

**- להמסיימות ד"בית רבקה", ולהמדריכות דמחנות קיץ "אמונה" ו"פרדס חנה" תיינה -**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

## "מודה אני" - יסוד האמונה

מ'קומט דאך פון דעם שבת און מ'געדיינקט וואס מ'האט ערשט-א געליינעט אין "בהעלותך את הנרות", און ווי רש"י טייטשט דאס אפ "שתהא שלהבת עולה מאלי'",

און ווי געוועדט בא די פריערדיקע צוזאמענטרעפן זיך צווישן אידן, אז דאס איז א רמז און א קלארע אנדייטונג אין וואס ס'באשטייט די עבודת השם אין טאג טעגלעכן לעבן פון יעדער אידן:

ע"ד ווי ס'איז געווען די מנורה בבית המקדש איז דאך געווען א ציווי (א מצוה) אז יעדער טאג דארף מען איר אנצינדן מחדש, און אנצינדן אין אן אופן - ווי רש"י זאגט - "שתהא שלהבת עולה מאלי'" -

אזוי אויך אין טאג-טעגלעכן לעבן, גלייך בא דעם **אנהויבס** פון טאג, איז דאך א מנהג פון אידן, ביז וואנענט אז מ'איז מחנך אפילו **קליינע קינדער** אין דעם אופן, אז גלייך ווי זיי זיינען שייך צו רעדן - לערנט מען מיט זיי אז זיי זאלן אנהויבן זייער טאג מיט "מודה אני לפניך . . שהחזרת בי נשמתי בחמלה רבה אמונתך",

וואס אין דערויף איז אויך אונטערשטראכן, אז ניט דער "מודה אני" איז פארבונדן מיט (א זאך אדער מיט) א מענטשן אדער מיטן אויבערשטן אדער מיט א מלאך וואס געפינט זיך ערגעץ-וואו **בשמים** - נאר דאס איז "**לפניך**" - ער געפינט זיך אט דא ממש, לעבן יעדערן פון אונז,

במילא איז דאך פארשטאנדיק אויך פארוואס ס'איז "מודה אני" - וויבאלד אז דאס איז "לפניך".

ס'איז פארשטאנדיק אויך פארוואס דאס איז "**רבה** אמונתיך": ניט סתם אן אמונה, נאר אן אמונה וואס האלט זיך אין איין פארמערן זיך און פארשטארקן זיך, סיי בכמות און סיי באיכות.

און דאס ווערט די **התחלה** פון טאג, וואס דאס האט דערנאך די השפעה אויפן **גאנצן** טאג - דערפאר וואס די התחלה פון טאג ברענגט צו אן ענין פון "**רבה** אמונתיך" - ווערט די אמונה פארשפרייט אין יעדן פרט פון דעם גאנצן טאג.

וואס דאס איז דאך אויך די נקודת החינוך פון **יעדער** אידיש קינד, איז גלייך הויבט מען אן מיט דער נקודה, מיט דעם געדאנק, אז ס'איז אן ענין פון "מודה אני לפניך", במילא איז דערפאר, בשעת ער טרינקט א זאך אדער עסט א זאך אדער זעט א זאך - הויבט ער אן גלייך צו דאנקען דעם אויבערשטן, וויבאלד אז דאס איז "רבה אמונתיך",

- אן אמונה תמידית, און אן אמונה וואס גייט אלץ שטארקער און שטארקער און אלץ העכער און העכער,

ביז וואנענט "עולה מאלי'", ווי דערמאנט פריער - אז ער (אדער זי) פארשפארט צו פרעגן נאכאמאל בא זיין מחנך אדער בא זיין מלמד (אדער בא זיין מחנכת און זיין מלמדת) א ראי' און א ביאור אויף דעם וכו'; דאס ווערט זיין אייגענע "שלהבת" - זיין אייגענע נשמה - איז "עולה מאלי'":

ניט זי שטייט אין א לייכטנדיקן אופן, און אין אן אופן אז זי מאכט ליכטיק ארום זיך, נאר אויך אין אן אופן פון "**עולה**" - זי גייט "מחיל אל חיל", ווי דערמאנט פריער, ביז אין "יראה אל אלקים בציון",



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת בהעלותך

ואדרבא, אט דאס וואס מ׳געפינט זיך אין גשמיות פון וועלט, און אין גשמיות פון וועלט געפינט מען זיך אין אן אופן פון **גלות**, און אין גלות געפינט מען זיך אין ״**עקבתא** דמשיחא״, ווען מ׳איז נאך ווייטער פון זמן שבית המקדש הי׳ קיים, במילא איז דאך דאס ע״פ טבע העולם האט דאך דאס געדארפט ברייינגען אן **אפשוואכונג** אין אמונה -

איז פאר א אידן איז דאס פארקערט: וויבאלד אז ער זעט אז ער האט א נשמה **שלימה**, און די נשמה האט א ״**שלהבת**״, און די ״שלהבת״ איז ״**עולה**״ - במילא פועל׳ט דאס אויף אים אז עס זאל זיין ״עולה **מאלי׳**״ - אן עלי׳ אמיתית,

און מיט א ״שלהבת״, וואס אפילו אז דאס איז דאך א שלהבת של **קדושה** במילא איז דאך ״איננו אוכל״, ניט דאס מאכט **שוואכער** די שטארקייט פון גוף, נאר אדרבא - דאס מאכט נאך שטארקער די בריאות הגוף בגשמיות, במילא האט ער א געזונטן גוף בגשמיות,

איז ניט נאר וואס דאס איז אים ניט מבלבל און מאכט שוואכער דעם ענין האמונה אין דעם אויבערשטן וואס ער איז תכלית הרוחניות, און זיין תורה ומצוותי׳, וואס זיי זיינען דאך רוחניות,

- טאקע פארבונדן מיט גשמיות, אבער רוחניות, און אויך רוחניות אמיתית: דאס איז דאך **תורתו** של הקב״ה **ומצוותיו** של הקב״ה, און ווי דער אלטער רבי טייטשט אפ ״מצוה״ מלשון ״צוותא״ - אז דורך דערויף באהעפט מען זיך יעדער מקיים מצוה, אנשים נשים,

און אפילו טף, איז בשעת א קליין קינד איז מקיים א מצוה, וועלכע מצוה ס׳זאל נאר זיין, דערמאנט ער זיך גלייך, און מ׳דארף אים ניט דערמאנען א **צווייטער**, ווארום ער איז א אידיש קינד, איז ער אזוי נתחנך-געווארן גלייך פון אנהויבס-אן אז ער ווייס אז ער איז ״לפניך״, אלע מאל צוזאמען מיטן אויבערשטן,

במילא איז דאך אויך פארשטאנדיק ווי אזוי ס׳איז ״מודה אני״, אז ער האט א הודאה אמיתית,

און ס׳ווערט אין אן אופן פון ״**רבה** אמונתיך״ - דאס ווערט פארשפרייט איבער זיין גאנצן טאג (אדער איבער איר גאנצן טאג), און אין אן אופן פון ״עולה״ -עלי׳ לאחרי׳ עלי׳.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.